ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט
(NEW YORK STATE DEPARTMENT OF HEALTH)
אפטיילונג פון היים און קאמיוניטי באזירטע סערוויסעס

# וועיווער אנטיילנעמער רעכטן און פאראנטווארטליכקייטן

היים און קאמיוניטי באזירטע סערוויסעס מעדיקעיד וועיווער
נורסינג היים טראנזישאן און דיווערשאן (Nursing Home Transition and Diversion, NHTD)
און טראומאטישע מח שאדן (Traumatic Brain Injury, TBI)

NHTD ☐ TBI ☐

אלע מענטשן וואס נעמען אנטייל אין א היים און קאמיוניטי באזירטע סערוויסעס (HCBS) מעדיקעיד וועיווער זענען פארזיכערט צו האבן ספעציפישע רעכטן וועגן די דעליווערי פון וועיווער סערוויסעס און האבן ספעציפישע פאראנטווארטליכקייטן פארן באקומען וועיווער סערוויסעס.

## וועיווער אנטיילנעמער'ס רעכטן

אלס א וועיווער אנטיילנעמער האט איר דעם רעכט צו:

1. זיין אינפארמירט וועגן אייער רעכטן איידערן באקומען וועיווער סערוויסעס;
2. באקומען סערוויסעס אן אונטערשייד פון ראסע, רעליגיע, קאליר, קריד, דזשענדער, נאציאנאלע אפשטאם, געשלעכטליכע אריענטאציע, הייראט סטאטוס, אדער דיסאביליטי;
3. מען זאל זיך פירן צו אייך מיט העפליכקייט, כבוד און רעספעקט אריינגערעכנט אבער נישט באגרעניצט צו פערזאן, וואוינארט און פארמעגן;
4. האבן צוגעשטעלטע סערוויסעס וואס שטיצן אייער געזונטהייט און וואוילזיין;
5. נעמען נארמאלע ריזיקעס און האבן די געלעגנהייט זיך צו לערנען פון די ערפארונגען;
6. באקומען אן ערקלערונג פון אלע סערוויסעס אוועילעבל אין די וועיווער און אנדער געזונטהייט און קאמיוניטי הילפסמיטלען וואס קענען אייך ארויסהעלפן;
7. אנטיילנעמען אדער באשטימען א מענטש אנטיילצונעמען פאר אייך אין די אנטוויקלונג, איבערזיכט און באשטעטיגונג פון אלע סערוויס פלענער, אריינגערעכנט סיי וועלכע טוישונגען אין די סערוויס פלאן;
8. אויסוועלן א סערוויס קאארדינאציע פראוויידער;
   **באמערקונג:** וועיווער אנטיילנעמער האבן די רעכט צו אויסוועלן פראוויידער אגענטורן, נישט ספעציפישע פראוויידער שטאב.
9. באקומען הילף פון אייער סערוויס קאארדינעיטער צו אויסוועלן סערוויס פראוויידערס פון אנדערע אגענטורן. איר קענט נישט אויסוועלן צו באקומען מערסטנס אנדערע סערוויסעס פון די זעלבע אגענטור וואו אייער סערוויס קאארדינעיטער ארבעט;
   **באמערקונג:** וועיווער אנטיילנעמער האבן די רעכט צו אויסוועלן פראוויידער אגענטורן, נישט ספעציפישע פראוויידער שטאב.
10. פארלאנגען א טויש אין סערוויסעס (צולייגן, פארמערן, פארמינערן אדער אפשטעלן) סיי ווען;
11. זיין גענצליך אינפארמירט וועגן די פראצעדור פון בעטן א קאנפערענס מיט די RRDC און\אדער א יושר'דיגע הירינג ווען איר באקומט א מעלדונג פון באשלוס אדער סיי ווען בשעת'ן אנטיילנעמען אין די NHTD אדער TBI'ס וועיווער;
12. זיין אינפארמירט וועגן די נאמען און פליכטן פון סיי וועלכע מענטש וואס שטעלט צו סערוויסעס פאר אייך אונטער אייער סערוויס פלאן;
13. האבן די פרייהייט און שטיצע צו קאנטראלירן אייער אייגענע סקעדזשול און אקטיוויטעטן;
14. באקומען סערוויסעס פון בארעכטיגטע, קוואליפיצירטע מענטשן;
15. באקומען פון די סערוויס קאארדינעיטער, שריפטליך, א ליסטע פון נעמען, טעלעפאן נומערן, ארבעטס שעות, און אויפזעערס פאר אלע וועיווער סערוויס פראוויידערס, די RRDS, און די וועיווער קלאגע ליניע;
16. זיך אנטזאגן פון קעיר, באהאנדלונג און סערוויסעס נאכן ווערן גענצליך אינפארמירט און פארשטיין די פאטענציאלע ריזיקעס און קאנסעקווענצן פון אייערע שריט;
17. אז מען זאל רעספעקטירן אייער פריוואטקייט, אריינגערעכנט די געהיימקייט פון פערזענליכע רעקארדס, און האבן די רעכט אפצוזאגן ארויסצוגעבן אינפארמאציע צו איינער וואס איז נישט אויטאריזירט צו האבן אזעלכע רעקארדס, אויסער אין פאל פון אייער אריבערגאנג צו א געזונטהייט קעיר פאסיליטי אדער ווי געפאדערט לויטן געזעץ אדער מעדיקעיד פאדערונגען;
18. אריינגעבן קלאגעס וועגן סיי וועלכע זארגן לגבי צוגעשטעלטע סערוויסעס;
19. באקומען שטיצע און אנווייזונגען פון די סערוויס קאארדינעיטער צו שליכטן אייער זארגן און קלאגעס וועגן סערוויסעס און סערוויס פראוויידערס;

## וועיווער אנטיילנעמער'ס רעכטן (פארגעזעצט)

20. באקומען נאך שטיצע און אנווייזונגען פון די RRDS און DOH וועיווער שטאב ווי איר וואלט געוואלט אדער אין א פאל וואס אייער סערוויס קאארדינעיטער קען נישט שליכטן די זארגן און קלאגעס וועגן סערוויסעס און סערוויס פראוויידערס;
21. באקומען אן ענטפער צו אייער קלאגעס און ווערן געמאלדן וועגן דעם אויסגאנג;
22. אייער סערוויס פראוויידער זאל באשיצן און שטיצן אייער מעגליכקייט צו אויסנוצן אלע רעכטן וואס שטייען אין די דאקומענט אן קיין שרעק פון נקמה;
23. שיקן אלע רעכטן און פאראנטווארטליכקייטן וואס זענען אויסגערעכנט אין די דאקומענט צו אייער געריכט באשטימטע לעגאלע גארדיען, אדוואקאט אדער סיי וועמען איר וועלט אויס צו ארבעטן פאר אייך;
24. אנטיילנעמען אין אנקעטעס וואס פרעגן וועגן אייער ערפארונג אלס א וועיווער אנטיילנעמער. דאס רעכנט אריין די רעכט זיך צו אפזאגן פון אנטיילנעמען אין אנקעטעס אן שטעלן אין געפאר אייער וויטערדיגע אנטיילנעמונג אין די וועיווער פראגראם; און
25. אויסנוצן אלע רעכטן וואס שטייען אויסגערעכנט דא אן קיין שרעק פון נקמה.

## וועיווער אנטיילנעמער'ס פאראנטווארטליכקייטן

אלס א וועיווער אנטיילנעמער זענט איר פאראנטווארטליך צו:

1. ארבעטן מיט אייער סערוויס קאארדינעיטער צו אנטוויקלען\פארעכטן אייער סערוויס פלאן צו פארזיכערן צייטליכע ווידער-באפולמעכטיגונג פון די סערוויס פלאן;
2. אנפירן און אקטיוו אנטייל נעמען אין וועיווער סערוויסעס ווי אידענטיפיצירט אין אייער סערוויס פלאן און באקומען סערוויס קאארדינאציע כאטש מאנאטליך;
3. אויספאלגן אייער סערוויס פלאן און מעלדן אייער סערוויס קאארדינעיטער אויב פראבלעמען פאסירן;
4. רעדן מיט אייער סערוויס קאארדינעיטער און אנדערע וועיווער פראוויידערס אויב איר ווילט טוישן אייערע סערוויסעס אדער צילן;
5. צושטעלן ווי ווייט מעגליך, פולקאמע און פונקטליכע מעדיצינישע היסטאריע אריינגערעכנט אלע פארשריבענע און איבערן-קאונטער מעדיצינען וואס איר נעמט און פארשטיין די ריזיקע(ס) וואס זענען פארבינדן מיט אייערע באשלוסן וועגן באהאנדלונג;
6. מעלדן די סערוויס קאארדינעיטער וועגן אלע באהאנדלונגען און אינטערווענשאן אין וואס איר זענט פארמישט;
7. אויפהאלטן אייער שטוב אויף א וועג וואס ערלויבט אייך צו וואוינען אין די קאמיוניטי אויף א זיכערן אופן;
8. פארזיכערן און אנהאלטן א פאסיגע קאמיוניטי וואוינונג;
9. פרעגן פראגעס ווען איר פארשטייט נישט אייער סערוויסעס;
10. נישט אנטייל נעמען אין סיי וועלכע קרימינאלע אויפפירונג. איר פארשטייט אז, אויב יא, קען אייער סערוויס פראוויידער(ס) אוועקגיין, פאליציי קען ווערן גערופן און אייער פארזעצונג אין די וועיווער פראגראם קען באדראעט ווערן;
11. באריכטן סיי וועלכע טוישן אין אייער מעדיצינישע צושטאנד, אומשטענדן, נישט-פארמאלע שטיצע און פארמאלע שטיצע צו אייער סערוויס קאארדינעיטער;
12. צושטעלן קראנטע אינפארמאציע פארבינדן מיט אייער דעקונג אונטער מעדיקעיד, אריינגערעכנט סיי וועלכע מעלדונגען פון די לאקאלע דעפארטמענט פון סאושעל סערוויסעס וועגן אייער מעדיקעיד, מעדיקעיר אדער אנדערע מעדיציניש-פארבינדענע אינשורענס פראגראמען פאר אייער סערוויס קאארדינעיטער;
13. ארבעטן מיט אייער סערוויס קאארדינעיטער צו אנהאלטן אקטיווע מעדיקעיד;
14. מעלדן אלע פראוויידערס די שנעלסטע וואס מעגליך אויב די גע'סקעדזשול'טע סערוויס באזוך דארף ווערן ווידער גע'סקעדזשול'ט אדער געטוישט;
15. מעלדן פאר די פאסיגע מענטש(ן) אויב פראבלעמען פאסירן אדער אויב איר זענט נישט צופרידן מיט די צוגעשטעלטע סערוויסעס;
16. זיך אויפפירן צו די RRDS און אייער סערוויס פראוויידערס מיט העפליכקייט, כבוד און רעספעקט. ווייזט רעספעקט און העפליכקייט פאר די שטאב און זייער פראפערטי. מאכט נישט קיין ענווייראנמענט וואס איז פיינטליך פאר די RRDS אדער אייער סערוויס פראוויידערס.

**איך האב געליינט די וועיווער אנטיילנעמער'ס רעכטן און פאראנטווארטליכקייטן, אדער עס איז געליינט געווארן פאר מיר און איך פארשטיי איר אינהאלט און ציל ווי געשריבן.  איך פארשטיי אז פארפעלן צו אויספאלגן די אויבנדערמאנטע פאראנטווארטליכקייטן, און\אדער מיין אונטערגעשריבענע יעצטיגע סערוויס פלאן קען רעזולטירן אז מען זאל אויפהערן\די וועיווער סערוויס(עס) און אפשטעלן די וועיווער.**

| | | |
|---|---|---|
| אפליקאנט\אנטיילנעמער | אונטערשריפט | דאטום |
| לעגאלע גארדיען\קאמיטעט (אויב שייך) | אונטערשריפט | דאטום |
| באפולמעכטיגטע פארשטייער (אויב שייך) | אונטערשריפט | דאטום |
| סערוויס קאארדינעיטער נאמען | אונטערשריפט | דאטום |

cc: אלע יעצטיגע וועיווער סערוויס פראוויידערס